**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/13/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט 234 מיליאן דאלער אין צוגעגעבענע עסנווארג הילף פאר סעפטעמבער**

***אלע SNAP הויזגעזינדער וועלן באקומען די מאקסימום עסנווארג בענעפיטן פאר סעפטעמבער***

***סופלעמענטאלע עסנווארג בענעפיטן ערווארטעט ווייטער אנצוהאלטן ביז נאך נאוועמבער***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט אויסגעמאלדן אז אלע ניו יארקער איינגעשריבן אין דעם 'סופלעמענטאל ערנערונג הילף פראגראם' וועלן באקומען די מאקסימום סומע ערלויבט פאר עסנווארג בענעפיטן פאר סעפטעמבער. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די מאקסימום סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סכום דעם חודש, און אלס רעזולטאט וועט אריינפליסן בערך 234 מיליאן דאלער פעדעראלע געלטער אין דער ניו יארק סטעיט עקאנאמיע.

"צופיל שווער-ארבעטנדע ניו יארקער שפירן ווייטער די ווירקונגען פון דער פאנדעמיע - און מוטשען זיך אויף זיך דורכצוקומען און שטעלן עסן אויפ'ן טיש," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** " מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער נעמען שריטן צו שטיצן אונזער מערסט עמפינדליכע קאמיוניטיס, און די 234 מיליאן דאלער אין SNAP בענעפיטן היינט אויסגעמאלדן וועלן צושטעלן די נייטיגע פינאנצירונג צו פארזיכערן הונדערטער טויזנטער ניו יארקער הויזגעזינדער קענען אויסמיידן עסנווארג-אומזיכערקייט."

דער עמערדזשענסי הילף צוגאב ווערט צוגעשטעלט פאר אלע הויזגעזינדער, אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין געוויינליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP, א פעדעראל-פינאנצירטן פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף. הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט סומע — 835 דאלער פאר א הויזגעזינד מיט פיר מיטגלידער — וועלן באקומען א צוגעגעבענע סומע פון וויניגסטנס 95 דאלער.

SNAP הויזגעזינדער אין אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי דארפן זען די עקסטערע בענעפיטן אריינקומען צווישן היינט, און מאנטאג, **סעפטעמבער** 26. די יעניגע SNAP הויזגעזינדער אין דעם פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן זען זייערע בענעפיטן אריינקומען צווישן פרייטאג, **סעפטעמבער** 16, און דאנערשטאג, **סעפטעמבער** 29.

OTDA האט אנגעהויבן ארויסגעבן די עמערדזשענסי סופלעמענטאלע בענעפיטן אין אפריל 2020 צו SNAP הויזגעזינדער וועלכע באקומען וויניגער ווי די מאקסימום מאנאטליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט'ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום באשטימטע סומע פאר אלע SNAP הויזגעזינדער ביז עס וועט אפלויפן די פעדעראלע דעקלעראציע פון א פובליק

געזונטהייט עמערדזשענסי, וואס איז אויסגעצויגן געווארן ביז אקטאבער און וועט ערמעגליכן פאר OTDA ווייטער ארויסצוגעבן די בענעפיטן ביז נאך נאוועמבער.

ניו יארקער זענען נאך אלץ שטארק אנגעוויזן אויף SNAP דעם זומער, מיט איבער 1.6 מיליאן הויזגעזינדער, אריינגערעכנט איבער 2.8 מיליאן ניו יארקער, לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין יולי. אין דער צייט וואס SNAP באקומער איבער'ן סטעיט בלייבן רעלאטיוו פלאך אין פארגלייך מיט יוני, זענען זיי געשטיגן 3 פראצענט אין לויף פון יולי 2021, ארויסהייבנדיג די אנגייענדע פארלאנג פאר די קריטיש-וויכטיגע בענעפיטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** "די סופלעמענטאלע באצאלונגען האבן געהעכערט SNAP באקומער'ס איינקויף מעגליכקייטן אין א צייט ווען אנגעשטרענגטע פאמיליעס שטייען אויס העכערע פרייזן ביים גראסערי סטאר. די הילף העלפט טרייבן ניו יארק'ס אנגייענדע ערהוילונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע דורך העלפן ניו יארקער שטעלן עסן אויפ'ן טיש."

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** "קיין שום ניו יארקער טאר זיך קיינמאל נישט דארפן זארגן פון וואו עס וועט קומען זייער נעקסטער מאלצייט. צוליב דעם האב איך געקעמפט פאר א היסטארישע העכערונג צו SNAP דורכאויס דער פאנדעמיע דורך דער 'פאראייניגטע אויסטייל-באשטימונג' געזעץ פון 2021, און נאכאמאל אין דעם 'אמעריקאנער רעטונגס פלאן'. מיר האבן פארשטערקערט אונזערע באמיאונגען צו ליפערן די צוגעגעבענער שטיצע אין פעדעראלע געלטער צו העלפן אנגעשטרענגטע פאמיליעס האלטן עסנווארג אויפ'ן טיש. SNAP איז א לעבנס-מיטל פאר אזוי פיל ניו יארקער, און איך וועל שטענדיג קעמפן צו ליפערן די פעדעראלע באדערפענישן זיכער צו מאכן אז קיין שום ניו יארקער גייט נישט הונגעריג אדער ווערט איבערגעלאזט פון הינטען."

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** "גאווערנער האוקול'ס אויסמעלדונג היינט איבער צוגעגעבענע עסנווארג הילף פאר הויזגעזינדער וואס נעמען אנטייל אין SNAP איז א געווינס פאר ארבעטער פאמיליעס און פארשטערקערט אונזערע באמיאונגען צו שטיצן די וועלכע נייטיגן זיך דאס מערסטע לענגאויס אונזערע קאמיוניטיס און ארום דעם סטעיט. פארזארגן די העכסט-נייטיגע פארלייכטערונג צו די 1.6 מיליאן הויזגעזינדער וועלכע זענען איינגעשריבן וועט העלפן זיכער מאכן אז פאמיליעס קענען נאכקומען זייערע געברויכן און אז זיי האבן די שטיצע אין וואס זיי נייטיגן זיך און ווען עס קומט זיך זיי."

SNAP שפילט א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק'ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג און האט געברענגט אן איינשפריץ פון איבער 1.6 ביליאן דאלער אין דער סטעיט'ס עקאנאמיע זינט יאנואר. יעדער פעדעראלע דאלער אינוועסטירט דורך SNAP טרייבט אויף ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א [פעדעראלע שטודיע](#) וואס האט אויסגעַחשבון'ט די השפעה פון SNAP אויף דער אמעריקאנער עקאנאמיע.

די צוגעגעבענע בענעפיטן זענען אויך א קריטיש-וויכטיגער לעבנס-מיטל פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, וויבאלד ארום 14 פראצענט פון דער סטעיט'ס באפעלקערונג האבן זיך פארלאזט אויף SNAP בענעפיטן פאראיאר לויט [א לעצטערע שטודיע](#). איבער האלב געשאנקענע הויזגעזינדער זענען געווען פאמיליעס מיט קינדער און ארום 48 פראצענט האבן אריינגערעכנט אן ערוואקסענער איבער 55 אדער עמיצער מיט אן אומפעאיגקייט.

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (EBT) אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע

עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געווענטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

געפונט מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי SNAP בענעפיטן, ארייגערעכנט ענטפערס צו אפט געפרעגטע פראגעס, דא. ניו יארקער פאראינטערעסירט אין זיך איינשרייבן קענען נאכקוקן זייער SNAP בארעכטיגקייט, ווי אויך זיך ווענדן אָנליין, דורך גיין צו mybenefits.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418